פאַר דיר אַליין דו האָסט עס געמישט,
ביז אויפ׳ן דנאָ עס אויסצוטרינקען!
און אין בלוט וואָס דו האָסט פאַרגאָסן,
אויף אייביק אַצינד צו פאַרזינקען — — —

טויזנט שולן אונטערגעצונדן!
אַ שטורקאַץ פאַר דיינע אַרמייען!
ברענט אַ טויטן־ליכט דיין קעלנער דאָם
איצט ביי דיינע ווידוי־געזאַנגען — —

IV

אַלע דיינע הייזער פּאַלאַצן
אַ שטיין אויף אַ שטיין מ׳וועט צעשטערן,
וועט דען גענוג זיין אויף מצבות
פאַר די טויטע געשטעלט צו ווערן?

וועלן דען אַלע דיינע וועלדער,
אויסקאַרטשענדיק זיי, דען גענוגן,
אַז יעטווידער געפאַלענער כאָטש
אַ ברעטל אויף קבר זאָל קריגן?

און האָסט דו דען אַזוי פיל מענטשן,
(ווען מ׳זאָל דיין זינד שוין פאַרגעבן!)
אַז זאָלסט קענען באַצאָלן מיט זיי
אַ לעבן צומאָל פאַר אַ לעבן?

פאַרוויסט וועסט בלייבן אויף דורות —
קין מוז טראָגן קין׳ס צייכן!
אַז קיינמאָל מער ס׳זאָל נישט אויפשטיין מער,
אַ רוצח אַזאַ דיינס גלייכן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.I. 3 אַזייגער)

שבת, דעם 17־טן יולי, דער טראַדיציאָנעלער ביאַליק און הערצל ליטעראַרישער נאָכמיטאָק.

שבת, דעם 24־טן, וועט זיין געווידמעט דעם אָנדענקן פון משה נאַדיר. עס באַטייליקן זיך משה עובד, א. מ. קייזער, גאָלדבערג און ניסנבוים.

שבת, דעם 31־טן, אַ טרויער שבת פאַר אונזערע פאַרפייניקטע שרייבער און קינסטלער אין די נאַצי לענדער.

שבת חזון, דעם 7־טן אויגוסט, וועט זיין אַ טרויער שבת צו דערמאָנען אונזער קדושים.

שבת, דעם 14־טן, דער טראַדיציאָנעלער שבת נחמו קלאַסיקער און פּאָעטן נאָכמיטאָק.

**א. נ. שטענצל**

פאַרלאַג י. נאַראַדיצקי, 131־129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.





# יידישע מאלער אין לאנדאן

## יידישע מאלער אין לאנדאן

### 1. דער יידישער קלאסיציזם און סימאן סאלאמאן

נישט די ראָלע וואָס די שטאָט פאַריז האָט געשפּילט פאַר דער יידישער מאָלעריי און פאַר דער ענטוויקלונג פון אַזעלכע קינסטלער ווי שאַגאַל און סוטין, מאָדעלאַני און פּאַסקען און פאַר צענדליקער יינגע יידישע טאַלענטן פון שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן צו דער שטאָט פאַריז, ווו ס׳איז אויפגעגאַנגען דאָס ליכט פונם אימפּרעסיאָניזם און וואָס האָט געהאַט דעם „טאַטן פון אימפּרעסיאָניזם“, דעם ייד קאַמיל פּיסאַראָ, אפילו נישט די צווייטע פידל, ווי בערלין מיט מאַקס ליבערמאַן און לעסער אורי, מיט שטרוק און שטיינהאַרט, שפּילט אין לאָנדאָן דער יידישער מאָלער פאַר דער ענטוויקלונג פון דער יידישער מאָלעריי. אָבער פּאַראַלעל, אויף ווי־פיל ענגלאַנד בכלל שפּילט איבערהויפּט איר ראָלע אין דער אייראָפּעאישער מאָלעריי, אויף אַזוי פיל נעמט דער ענגליש־יידישער קינסטלער אַ געוויסן טייל אין איר, און אויף אַזוי פיל אויך איז ער באַטייליקט אין דער וויטערער ענטוויקלונג פון דער יידישער מאָלעריי.

אויב ס׳זאָל זיין ריכטיק די השערה, אַז דער אימפּרעסיאָניזם האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען די ענגלישע מייסטער קאָנסטעבל און טערנער (איך האָב עס אויספירליכער באַרירט אינם העפטל „די מייסטער פון דער ענגלישער מאָלעריי“, מער נאָך אינם אַרטיקל „פּראָפ. מאַקס ליבערמאַן“ אין די וואַרשאווער „ליטעראַרישע בלעטער“ זומער 1932) איז טאַקע געווען אַ שטיק חייב דערין יענער ייד קאַמיל פּיסאַראָ, וועלכער האָט זיך געהאַט געראַטעוועט דאָ אַהער אין לאָנדאָן, אין דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה פון 1870. קענען־לערנענדיק די פאַרביק־ליכטיקע און לייכטע אַרט פון די ענגלישע מייסטער און צומייסטן אפשר די טערנערישע, די זוניק־צעפלימערטע, האָט ער, פּיסאַראָ, געשפּילט זיין יידישע ראָלע ווי אַ פאַרמיטלער, פּונקט ווי שפּעטער מאַקס ליבערמאַן, וועלכער האָט דעם פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם אַריבעראימפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

אָבער נאָך אַ סך פריער אײדער מ׳האָט געוווּסט דעם נאָמען פּיסאַראָ, איז שוין אַ יידיש־ענגלישער מאָלער געווען אַ מיטגליד אין דער לאָנדאָנער קעניגליכער אַקאַדעמיע; ס׳איז דער כמעט אינגאַנצן שוין פאַרגעסענער אַבראַהאַם סאָלאָמאָן, דער עלטערער ברודער אָבער ווייניקער טאַלענטירטער פון זיין יינגערן ברודער סימאָן סאָלאָמאָן. איך ווייס נישט צי די משפּחה סאָלאָמאָן האָט איר פּלאַץ אין דער ענגלישער מאָלעריי, אפילו מיט זייער שוועסטער די

מאלערין רעבעקא סאלאמאן און דעם לעצטן י. סאלאמאן־סאלאמאן (ער שטאמט מסתמא פון דער זעלבער משפחה), וועלכער איז באקאנט געווארן נאך דער מלחמה 1914־18, מער ווארשיינלעך צוליב׳ן זיין דער קאמופלאזש־מאלער פון דער ענגלישער פלאטע; נאר סימאן סאלאמאן וועט זיכער האבן זיין געהעריקן פלאץ אין דער יידיש־קלאסעציסטישער עפאכע, נישט וויניקער ווי דער פראנקפורטער ניכטערער מאריץ אפענהיים. און אויב דער לעצטער, באאיינפלוסט פון דער האמבורגער בידעמייער־שול, האט אריינגעברענגט אינם יידישן קלאסיציזם די ראמאנטיק פון דער יום־טוב׳דיקער שטוב, דעם אינטערער ראמאנטיש באלויכטן מיט שבת קודש־ליכט און קידוש־בעכער, האט סימאן סאלאמאן, מיט זיין ברענענדיקער קינסטלער־נשמה דאס פרע־ראפאעליטישע־ראזעטישע ביבליש־צעפלאמט מיט „עקידת יצחק" און אנדערע ראמאנטיש־פלאקערדיקע מאטיוון.

און נישט נאר איז סימאן סאלאמאן דער ערשטער לאנדאנער יידישער קינסטלער, נאר זיין פארביק־אוואנטוריסטיש און צום סוף זיין גרוי־פארפינסטערט לעבן און זיין גורלדיקער טויט איז כמעט געבליבן ווי א פארבילד, ווי א מאדעל פארן יידישן קינסטלער דא אין לאנדאן. גרויס אנגעהויבן און גאר א סך צוגעזאגט נישט וויניקער ווי ראזעטי, און דאך געבליבן א פארלאזענער און פארקומענער; אבער דאס איז דאך טאקע אפשר דאס יידישלעכע און דער יידישער גורל פונם קינסטלער דא אין לאנדאן — בשעת א ראזעטי האט אונטער זיך א פאלק, אן ענגליש פאלק! און וואס האט אונטער זיך א סימאן סאלאמאן, אן עכטע ברענענדיקע קינסטלער־נשמה אינם קאלטן יידישן לאנדאן? איז דאך געגוג אז „ס׳הקדש" נעמט אזא איינעם אריין, ער זאל קאנען טרויעריק־פארביטערט און ענטוישט אויסצאנקן זיין באשפיגן פארלאשן לעבן.

## 2. דער אקאדעמיקער וויליאם ראטשטיין

יא, וויליאם ראטשטיין וועט נישט שטארבן אין הקדש! ער וועט אבער אויך קיין צו גרויסע באדייטונג נישט האבן פאר דער וויטערער ענטוויקלונג פון דער יידישער מאלעריי. וויליאם ראטשטיין איז אן אויסדריקלעכער ענגלישער מאלער, זיין מענטאליטעט—ניין, זיין זיך באפרייען פון יעדער מענטאליטעט איז טיפיש ענגליש. ער איז דער ענגלישער רעאליסט! און מיט רעכט האט מען אים אויסגעקליבן נאך יענער מלחמה (ווען דאס ראמאנטיש־העלדהאפטע האט געהאט פארלוירן יעדע גלאריע און גלאנץ...) פאר דעם פארזיצער פון דער ענגלישער אקאדעמיע, נישט סיקערטן — פארן איירעפעאישן אימפרעסיאניזם איז דאס אפיציעלע ענגלאנד נאך נישט צייטיק געווען; האט דאך דאס קינסטלעריש־פארגעשריטענערע בערלין, נאך יענעם קריג, שוין געהאלטן ביים עקספרעסיאניזם און פוטוריזם און דער אקאדעמיע־שטול פאר אן אימפרעסיאניסטישן פארזיצער איז ערשט פריי געווארן 12 יאר שפעטער —

וויליאם ראטשטיין, וועלכער האט אין זיין יוגנט אנגעהויבן ראמאנטיש און רעוואלוציאנער, האט זיך גאנץ ענטוויקלט צום ענגלישן סאלידן מאלער. מ׳קאן אים אנרופן נישט נאר רעאליסט, נאר דעם פראזאאיקער פון דער ענגלישער מאלעריי. ראטשטיין, ווי א קלוגער אסימילירטער ייד, האט אוועקגעווארפן אלע „שמאנצעס" — שטימונג, וויזיאנעריש געפיל, אינטואיציע — ער מאלט וואס ער זעט! און דאס זייער אויספירלעך דייטלעך און גאנץ גענוי. ער פאנטאזירט נישט, ער עקספערימענטירט נישט (עס קאן זיין ווייל ער קאן זיך עס נישט דערלויבן און ס׳קאן אויך זיין ווייל ער וויל זיין ענגליש). ער האט זיין מאדעל און ער ארבעט זיך אריין דערין מיטן געזונטן חוש פון מענטש וואס וויל זיין נאטירלעך (אלנפאלס פראקטיש!...) — ער איז דער טיפישער ענגליש אסימילירטער ייד: דערגרייכט ער נישט די טיפענישן, דערפאר אבער פארלירט ער זיך נישט!

זיין „בארימט" בילד „יידן אין טליתים" איז דאס אסימילירטסטע אין דער יידישער קונסט. (א האלענדער פישער פון יאזעף איזראעלס, א לאנדשאפט פון ליבערמאנען איז יידישלעכער געמאלן, פון מאלערישן טעמפעראמענט געזען און אטמאספערישע שטימונג, ווי די ריין יידישע טעמא „יידן אין טליתים". די נעגאציע קאן זיין באמת א קלארער באווייז, אז ס׳איז פאראן א ריין־מאלערישע יידישע קונסט, נישט נאר א טעמאטישע... א פאראדאקס?... ניין! דאס נאר בדרך אגב).

ראטשטיינ׳ס „יידן אין טליתים" זיינען האראפאשנע „עליענס" אנגעטוענע אין טליתים. נישט רעליגיעזע מיסטיק. נישט יידישע ראמאנטיק — אזוי קלאר ווי זיין טעכנק אזוי איז זיין טעמע! אויסגעארבעטער פינקטלעכער רעאליזם — אפשר איז זיין רעאליזם צו ראמאנטיש? אפשר איז דער רעאליסט אין אים אויך נאר בלויז אן אסימילירטער ראמאנטיקער? (און דערפאר פארלירט דאס טעכנישט אפילו דעם יידישן טעמפעראמענט און די יידישלעכע מענטאליטעט...) וויליאם ראטשטיין, דער ענגלישער רעאליסט, דער אמאליקער ראמאנטיקער, שטייט גאנץ אינדערזייט און באמיט זיך אביעקטיוו ארויסצוברענגען דאס וואס שטייט פאר אים, דאס וואס ער זעט מיט זיינע פליישלעכע אויגן: קוקט זיי אן די וויטשעפלער סוועט־ארבעטער, די יידיש־פוילישע פישער און רוסישע סיבירניקעס, זיינען זיי נישט מתפלל? אין זייער רעליגיעזער פארטיפטקייט בלייבן זיי רעאל־מענטשלעך! און „די ליידי מארגארעט בעפארט" אין נאציאנאל מוזעאום, געמאלן אין אנהויב פונם 15־טן יארהונדערט (ווען די ענגלישע קונסט איז נאך געווען גאנץ אייגנארטיק און פאלקסטימלעך, נאך פאר די פרעמדע איינפלוסן פון האלביין און פאן דייק) איז זי נישט אזא פראסטע ענגלישע פישערין? אלע מענטשלעכע ליידנשאפטן שפילן רעאל און נאטירלעך ארום אירע אויגן און צוקן ארום אירע ליפן, זי איז נאר הייליק פארשלייערט...

וויליאם ראטשטיין איז דערפאר אויך מער צייכנעריש ווי מאלעריש, ווייל דאס איז דאך דער עכטער צייכן פון דער אלטער עכט־ענגלישער פאלקסקונסט. און איז דאס נישט דער סימן־מובהק פון דער ענגלישער גאטיק, צום אונטערשיד פון דער פראנצויזישער און אפילו דער דייטשער, וואס זי איז צייכנעריש מאדעלירט, כמעט ארארבעסקנהאפט אויסגעארבעט יעדער פלאכערער

פלאַץ, נישט אַזוי געוואַלטיק צעשטרעקט מאַלעריש־פּלאַסטיש, שאַטנדיק־נאָ־
קעט אַקייגן דער וואַרעמער זון ?

וויליאַם ראָטשטיין וועט שוין מיט רעכט בלייבן אין דער ענגלישער מאָ־
לעריי, נאָר איבער־הונדערט־און־צוואַנציק־יאָר צי מ׳וועט געברויכן זיין טלית,
דעם פיין־אויסגעאַרבעטן „סוועטיש" ענגלישן טלית, בין איך שטאַרק מסופק...



„ליליען" פון דוד באָמבערג.



## 3. פאַרשפּעטיגטער אימפּרעסיאָניזם

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז דער אייראָפּעאישער אימפּרעסיאָניזם איז
געוואָרן אָנערקענטע פאָרעם אין דער ענגלישער מאָלעריי! און איז זי שוין
געוואָרן ? וויסטלער איז נאָך נישט קיין אימפּרעסיאָניסט און זיקערט שטאַרבנ־
דיק שוין אַלט גענוג און גרויס גענוג, און אָפיציעל דאַכט זיך נאָך אַלץ נישט
געווען „אָנערקענט" און אין מאַטעריעלע נויט.

דער ייִנגער, אַ סך צוזאָגנדיקער אייזיק ראָזענבערג, געפאַלן נאָך אין
יענעם קריג. פון זיינע צענדליקער בילדער און לאַנדשאַפטן איז צו זען, אַז ער
האָט נאָך געהאַלטן אַ סך פאַר מאָנע און מאַנע. ס׳איז אָבער אויך צו זען, אַז
ער וואָלט געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענע יידיש־ענגלישע מאָלער. זיין
פאַרליבטקייט אינם געניאַלן קאָראָ, אַלץ מישונג מיט קאָנסטעבלס מענלעכ־
קייט, מאַכן שוין זיינע יוגנט לאַנדשאַפטן פאַר ווערטפולע קונסט־ווערק.

אויך דער טראַגיש אומגעקומענער גערטלער, וועלכער האָט שוין גע־
האָט דערגרייכט אַ געוויסע באַרימטקייט אין דער קינסטלער וועלט, איז גע־
בליבן אַ ראָמאַנטיקער. זיין פרימיטיווע פאַרבן זאַטקייט און איבערזינלעכע
תאוהדיקייט איז אַ רוסאָאישע־רענואַרישע. זיין געזונטע חושימדיקייט האָבן
נאָך זיינע עלטערן מיטגעבראַנגט פונם היימישן שטעטל אינדערהיים. ביידע,
גערטלער און ראָזענבערג, זיינען דאָ געבוירן און דערצויגן אין אונזערע ווייַ־
טשעפּלער געסלעך. געסלעך אָן אַ ברעקל בוים ממש, פאַר אַזעלכע נאַטור־
נאָנטע און פייסאַזש־פאַרליבטע קינסטלער...

ס׳וואָלט אַ סך פלאַץ געמוזט פאַרנעמען, כדי בלויז אַרומצונעמען די
געבוירענע דאָ אין ענגלאַנד און אַזעלכע, וואָס שוין איינגעזעסענע וואָס מ׳קאָן
זייערע נעמען אין דער ענגלישער, אָדער אין דער יידישער קונסט. נאָר צו
דערמאָנען די אויסגעפיינערטע און מאַניערירטע קראַמער און מינינסקי;
לוציאַן פיסאַראָ, קאַמיל פיסאַראָ׳ס אַ זון, ער גייט אין גרויסן פאָטערס וועג
און ראָמאַנטיזירט אים; דעם אין דער יידישער וועלט אָנגעזעענעם פיליכאָוו־
סקי, און וואָלמאַרק פון בן אורי. דער ציל אָבער איז נישט אויפצושרייבן אַ
רשימה פון נעמען, ס׳גייט דעם פאָדעם, דעם אַלגעמיינעם, דעם פאַרביק־
אויפגעוויקלטן, פון דער קונסט צו געפינען, און דערביי דעם יידישן נישט צו
פאַרלירן.

צו די קינסטלער, וועלכע האָבן דערזען דאָס אויסשטראַלנדיקע ליכט
פונם אימפּרעסיאָניזם און נעמען אָנטייל ווי אָנגעזעענע קינסטלער, געהער
קודם פאַר אַלע דער מאָלער דוד באָמבערג. זיינע שטריכן זיינען נערוועז־
יידישלעך, זיי צעלויפן זיך שנעל, הבדלהדיק צעפלאַכטן, אָבער ער בינדט
זיי מיט זיין ברייטן יידישן פענזל — זיינע פאַרבן שרייען התלהבותדיק אַראָפּ
פון דער לייוונט, און לייכטן זוניק אויף נישט נאָר ווען ער מאָלט די גאַסן
פון ירושלים, נאָר אפילו ווען ער מאָלט אַ גרויע לאַנדאָנער לאַנדשאַפט, קאָנען
די נעפּלען דאָ נישט פאַרדעקן זיין גליאיקן יידישן טעמפּעראַמענט. און ער



„מוטער און קינד“ פון יעקב עפשטיין.

ווייל אים גאַרנישט פאַרדעקן! מ׳מוז נאָר אָנקוקן זיינס אַ זעלבסט־פּאָרטרעט זעט מען באַלד אַרויס דאָס יידיש־עקשנותדיקע מעלאַנכאָלישע שמייכעלע פון זיין יעדן פענזל־שטריך. באַמבערג ברויכט גאָרנישט צו זיין יידיש טעמאַטיש — אַז ער איז עס אינגאַנצן! אַ סך פון זיינע בילדער זיינען געמאָלן מיטן בלוט פון זיין יידיש האַרץ. און פון ווו אַלץ האָט ער זיינע העלע פאַרבן נישט צוזאַמענגעזוכט? אין פּאַלעסטינע, אין שפּאַניע, אין פּאַריז; און ווו נישט?



אָבער דאָס ביסעלע גרוי פאַר זיין מעלאַנכאָליע נעמט ער תמיד פון זעלבן ווייטשעפּלער געסל ווו ער איז געבוירן און גרויס געוואָרן.

ווי געזאָגט, ס׳איז נישט די פּלעיאַדע יידישע קינסטלער, וואָס מיר האָבן געהאַט אין פּאַריז — לאָנדאָן בכלל איז נישט קיין פּאַרנאַס! — אָבער פּאַראַלעל, אויף וויפיל ענגלאַנד שפּילט אַ ראָלע אין דער מאָדערנער מאָלעריי, אויף אַזוי פיל נעמט אין איר דער ענגלישער ייד זיין חלק. און אפשר מער! איז עס נישט דער נאָמען יעקב עפּשטיין, וועלכער ס׳וועט יעדן קונסט־געבילדעטן ענגלענדער איינפאַלן ביי דער פראַגע: ווער איז איצט דער גרעסטער ענגלישער קינסטלער? און עפּשטיין דער אמתער אייראָפּעאישער אימפּרעסיאָניסט אַלץ פּלאַסטיקער (מער דעריבער אינם העפטל „יידישע פּלאַסטיקער“) ווערט אָפּט עכט־ענגליש אין זיינע צייכנונגען, די ברייטע מאָלערישע פלאַסטישקייט, עטעריש־רוימלעכע ווירטואָזע בולטקייט, דערגרייכט מיט אַ מינימום פון שטריכן, —מער מיט די אַרויסגעלאָזענע נישט־דערזאָגטע! —ווערט פּלוצלינג אַ קאָמפּאַקטע מאַסע פון שטריכן, פּרימיטיוו און דייטלעך אויסגעאַרבעט און מאָדעלירט ווי אַן אָרנאַמענט אין געצייכנטן בילד. און אפשר איז אויך די מאָדעלירונג אין עפּשטיינ׳ס פּלאַסטיקן נישט נאָר אַ אימפּרעסיאָניסטישע ליכט און שאָטן קאָמבינירונג, נאָר אויך אַן אָרנאַמענטיק־ אַנצוהערעניש פון דער אַלטער ענגלישער גאָטיק. האָט דאָך אויך זיין גרויסער פאָרגייער און לערער, אויגוסט ראָדען, באַנוצט די אַטריבוטן פון דער פראַנצויזישער גאָטיק פאַר זיין אימפּרעסיאָניסטיש מאָנומענטאַלער פּלאַסטיק.

## 4. דער לאנדאנער קרייז און די פריש צוגעקומענע

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די קינסטלערישע מסבה דאָ אַ ביסל פאַרגרעסערט מיט אייניקע אָנגעקומענע פון דייטשלאַנד און פאַריז. אַרטור סעגאַל מאַכט איצט דאָ אין לאָנדאָן זיינע „ניי־זאַכלעכקייט“ עקספּערימענטן, ווי פריער אין בערלין זיינע „ליכט־בליק־בילדער“. און מיט זיינע „פּריזמע־פאַרב־מאָלעריי“ ווי קאָן מען ערשט דאָ עקספּערימענטירן אין די לאָנדאָנער נעפּלען. (אויך זיין שולע, מיט פרוידישן אונטערשלאַק, וועלכע ער האָט געעפנט מיט אייניקע יאָר צוריק אין בלומסבורי, האָט יידישע טראַדיציע — אַבראַהאַם סאָלאָמאָן, דער עלטסטער פון דער סאָלאָמאָן קינסטלער משפחה האָט שוין מיט קרוב 100 יאָר צוריק געהאַט זיין מאָלער שולע אין בלומסבורי). אויך דער איצט באַרואיקטער און רעליגיעזער צייכנער מייזנער, וואָס געפינט זיך איצט דאָ אויף גלות אין לאָנדאָן, איז אַמאָל געווען אַ זייער באַרימטער נאָמען אינם עקספּרעסיאָניסטישן און רעוואָלוציאָנערן בערלין.

מאַרטין בלאָך איז שוין מיט זיין סודותדיקער שרעק אַריבער „די בריקע“ (און ווער אַלץ איז אויף דער „בריקע“ נישט געווען? פראַנץ מאַרק און מאַקע און דער „רוסישער“ קאַנדינסקי!) מיט פעכשטיין און שמידט־ריטלאָף, אָבער



„דער פּאָרט אין סוועניסבאָרן" פון מאַרטין בלאָך.

זיין האַרמאָנישקייט פירט אים תמיד צום ברעג פון זיין פּאַרטרוימטקייט. ער איז צו אינדיווידואַליסטיש און אין זיך צייכנעריש־ענג פאַרקראָכן, אַז מ׳זאָל דאָס יידישע ביי אים אַרויסזען. און אפשר איז עס טאַקע די סודותדיקע שרעק, וועלכע ער טראָגט זי אין זיך, און יעצט נאָך מער ווי פריער. האָט נישט האַנס פאָן מאַרע, דער גרויסער דייטשער קלאַסיציסט (אויב מ׳קאָן אים אַזוי אָנרופן, ווייל ער איז אַ סך מער ווי דאָס — ער איז באמת קלאַסיש אין זיין גרויסער פּלאַסטישער פאָרעם און פאַרביקע פלעכן־מאָדעלירונג), גע׳ירשנ׳ט פון זיין יידישער מאַמע טאַקע אָט אַזאַ מין סודותדיקייט און שרעק, און זי האָט דאָס אים געמאַכט פאַרן גרויסן דייטשן מאָלער...

די מסיבה פון יידישע מאָלער האָט זיך אַ ביסל דאָ פאַרגרעסערט. (ס׳איז דער פּלאַץ נישט גענוג, אין דעם אַרטיקל דאָ, די אַלע פליטים־קינסטלער פון אייראָפּע געקומענע פון טשעכיען, עסטרייך און דייטשלאַנד, זיי אַלעמען אַרומ־צונעמען. צווישן זיי געפינען זיך איניקע באַדייטנדיקע קינסטלער). און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז די איינפלוסן און באַרירונגען מיט דער ענגלישער קונסט און פון די ענגלישע מאָלער מיט זיי, וועט האָבן אַ ממשותדיקע ווירקונג פון איינעם אויפן אַנדערן. אָבער אויך די פּאָר באַוווסטע יידישע קינסט־לער, די יחידים אין דעם קרייז, ווערט פאַרמערט, און ממילא מוז זייער באַ־ווּוסטקייט און אחריות ווערן אויך ממשותדיקער און שטאַרקער.



אָבער ווער איז דער קרייז פון יידישע קינסטלער אין דער יידישער גאַס, וואָס האָט אַ חוש פאַר אַ יידישן מאָטיוו? פאַלמע׳ס דעקאָראַטיווע „חצות"־בילד, וואָס שרייט פרימיטיוו־יידישלעך אַראָפּ פון דער וויטשעפּלער אַרט־גאַלעריע? דער יינגער סאָכאַטשעווסקי מיט זיין וויטשעפּלער „שמאַטע־הענד־לער", זיין „תימנ׳ערין" ביבליש־פאַרשלייערט; וועלכער לאָזט זיך מיט זיין ווירטואָזן טעמפּעראַמענט אין די טיפענישן פון די וועלשער קוילן מינען, אויף אייגענער האַנט דאָרטן צו דערגיין די געזעצן פון פּערספּעקטיוו? איז עס דער רירנדיקער פישמאַן, וואָס כאַפּט זיך אויטאָדידאַקטיש אַריין אין די אָוונטן אין די „קלאַסעס" אויסמאָדעלירן אַ פּרויען־קאָפּ, אין דער סעגאַל־שול מאָלן אַ שטיל־לעבן? דאָס בחורל בראָט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, אַלס אויס־געצייכנטער אין דער אַקאַדעמיע שולע, וועלכער מאָלט שוין זיין זעלבסט־פּאָרטרעט אַלאַ גרעקאָ? איז עס דער אָנגעקומענער קונסט־געווערבע האָלץ־שניצער מיט אַ באַרלאָך־איינשלאַק סאָקאָל? דער אַלץ פון זיך אָנטלויפנדיקער „קאָמערשל"־צייכנער ווינערט?

יאָ, דאָס איז ער אונזער פאַר־מלחמה׳דיקער וויטשעפּלער מאָלער־קרייז! און מ׳איז זייער דאַנקבאַר געווען אים צו האָבן, און וואָס ס׳איז איבערהויפּט עפּעס געווען. און ווי האָט מען זיך דערפרייט, ווען אַ „פּאַריזער" פּנים־חדשות האָט זיך אַמאָל באַוויזן, צי גאָר, אַז מאַנע קאַץ איז אַהער געקומען.

און ס׳איז געוועזן דער מאָלער אַלוואַ אין זיין אַטעליע, אַ פּאַרטרוימטער מיט זיינע פּאַריזער קאָשמאַרן טעג און ירושלימער קלאָרע נעכט, און מיט זיינע גרינלעך־בלוילעכע הינטערגרונטן מעלאַנכאָליש צו ווערן. אָ, די איינזאַמקייט פאַר אַ יינגען קינסטלער אין פאַר־מלחמה׳דיקן לאָנדאָן! און אַז מ׳וועט שוין דעם פיינסטן זיידענעם וואַן־דע־מער טלית אויסמאָלן פאַרן „מלאך־הגואל׳ס" וועגן, וועלן דען זיין די „כל הנערים" אַז מ׳זאָל זיי באַשיטן מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען? און פון זיינע פּאַריזער לאָמטערן באַלויכטענע ראָגעס ווערן לאָנדאָנער מעלאַנכאָליזירנדיקע אינטעריערס, פון זיינע ירושלימדיקע קופּאָלן־מינאַרעטן ווונדערלעכע טולפּן־בלומען. אַז וואָס קאָן מען נישט אַריינשטעלן אין אַזאַ גרוימיק־רוימלעכן הינטערגרונט מיט אַזוי פיל מוזיק?

אַלוואַ האָט זיין גרינלעך־בלוילעכע טרוימערישע שרעק פון ערגעץ מיט־געבראַכט, ווי מאַרטין בלאָך! זי איז נישט ביי אים אַזאַ רעאַליזירנדיקע צייכ־נערישע ווי ביי דעם לעצטן, נאָר אַ מאָלעריש־מוזיקאַלישע. ער איז יידיש פאַרבענקט און זוכט זיך צו געפינען! זיין געפּאָר הויבט זיך אָן, ווען ער גע־פינט זיך טעמאַטיש — ווייל אַלצדינג קאָן ער אַריינשטעלן אין זיין הינטער־גרונט! אַז קאָן דען אַ הינטערגרונט אַליין נישט זיין דאָס ווירקלעכע און ווירקנדיקסטע? אַלוואַ איז אָבער אַ יינגער מאָלער מיט פיינעם געשמאַק און נוי־טיקן קענען און וועט מסתמא דערפירן צו איינהייטלעכקייט פון אַ יידישער פאָרעם און אייגענעם יידישלעכן מאָטיוו.



„קאַראַנאַציע" פון אַלוואַ.

## 5. קינסטלערישע פאָרמען און דער יידישער אויסדרוק

די יידישע מאַלעריי, אַ חוץ וואָס אונזער עסטעטיש נאַטור־געפיל ענטפלעקט זיך מיט איר, שעפעריש־פאָרמעריש און סימעטריש־שפּילעריש, האָט זי אויך אַן עטישע אויפגאַבע, (בפרט אין די לענדער ווו אונזער וואָרט־קונסט ווערט פערנאַכלעסיקט!) ווי אַ נאַציאָנאַלער קולטור־רעזערוואַר. ווי אַ צווייג שוין פון אונזער קונסט געהער זי שוין צום יידישן קולטור־אוצר.

איז דער שעפערישער רענעסאַנס, אין זיין העכסטער קינסטלערישער דער־



גרייכונג אפילו, מיט לעאָנאַרבע און באָטיטשעלי, נישט געבליבן דער עטישער פאָרמיטלער פאַר די אַנאַלפאַבעטישע מאַסן? דאָס פאָלק, נאָך נישט קענענדיק לייענען די ביבל, האָבן די גרויסע מייסטער צו זיי אוממיטלבאַר גערעדט מיט די בילדער פון זייערע מאַרטירער־קאָמפּאָזיציעס. אַ מאַדאָנע פון ראַפאַעל איז פאַרן פאָלק געווען ווי אַ קאַטעכיזם אין אַ מיליאָנען אויסגאַבע! און די עטישע אויפגאַבע האָט לגמרי נישט געמינערט די עסטעטיש קינסטלערישע. און דאָס זעלבע איז געווען ביי די גרויסע נידערלענדער, און פראַנצויזישע, דייטשע און ענגלישע קירכן־מאַלער.

אונזערע יידישע מאָלער מוזן זיך אומבאַדינקט קלאָר ווערן, — און בפרט יעצט אין אונזער שווערער צייט, ווען אין מזרח אייראָפּע, ווו דאָס „וויגעלע" פון אונזער מאָדערנער קולטור שטייט, ליגט אַ פאַרבלוטיקט „דאָס גאָלדענע ציגעלע", — אַז די „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" לאָזן זיך נישט לייכט אַרויסקלויבן פון אונזער שוין געשאַפענע ליטעראַטור און נאָך לעבעדיקן פאָלקס־אידיאָם און זיי „אַריינבאַקן" אין אַנדערש שפּראַכיקע שאַפונגען. די שפּראַך גופא איז קינסטלערישער שטאָף און טעכניק פאַרן געשריבענעם קונסט־ווערק. דעריבער איז די געוואָלטיקע פאָלקס אויפגאַבע איצט פונם פאַרבן־קינסטלער (און אויך פונם טאָן־קינסטלער!) מיט אוממיטלבאַרע עכטע פאָרמען, וועלכע זיינען אומעטום דאָ ווו אַ יידישער קיבוץ איז נאָר פאַראַן, נאָענט צו מאַכן דעם יידישן מענטש (פאַרשטייט זיך אַ חוץ יענעם דעגענערירטן אַסימילאַנט, וועלכער האָסט אונזער שפּראַך ווייל ער האָט אַ שנאה שוין צו זיך גופא און צו זיין אייגנאַרט, ממילא וועט ער אויך די אוממיטלבאַר נייע יידישע פאָרעם און טעכניק־מיטל אויך האַסן) די אייגנאַרטיקע וווּנדערליכקייט און שיינקייט פון דער יידישער צורה, אים היימיש מאַכן זיינע תנועות; די מאַרטירער־געשיכטע פון אונזערע איצטיקע טעג לאָזן בלוטיק אויפלויכטן מיט אויפלויכטנדיקן שרעק אין די פאַרבן, אונז נאָענט צו מאַכן איינעם צום אַנדערן און אונז צו פאַרבינדן מיט דעם הענקער־שטריק כאָטש וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ — די פאַרב ביים יידישן קינסטלער איז בלוט שוין פון זיין בלוט, פונקט ווי דאָס אות ביים יידישן וואָרט־קינסטלער!

אונזערע גרויסע מאָלער האָבן עס געוווּסט! (און נישט „טענדענציעז" נאָר אינטואיטיוו־אוממיטלבאַר — די נאַטור־ און פאָלקס־פאַרבונדנקייט איז די גרויסקייט פון אַ קינסטלער!). איז דען נישט יוסף איזראַעלס וווּנדערלעכער „אייביקער וואַנדערער" אַזאַ שוואַרץ־ווייס־דרוק אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן פאַר יעדן ייד, ווו נאָר ער געפינט זיך, אויף וועלכער שפּראַך נאָר ער פאַרשטייט? און הירשנבערגס „גלות" איז עס נישט אַזאַ שטיק מאַרטירער־געשיכטע, אַז יעדער זאָל עס פאַרשטיין? און שאַגאַל, אין אונזער פאָלקסטימלעכער פעריאָד, זיינען זיינע בילדער נישט אונזער אילומינירטער פאָלקס־אידיאָם פאַר די פעלקער פון אייראָפּע?

און באמת, ס'איז שוין די לעצטע צייט, אַז דער נאַציאָנאַל־באַוווּסטער ייד זאָל עס וויסן און ער זאָל זיך ווייניקסטנס נישט ווייניקער אינטערעסירן מיט



„פּאָגראָם מעמאָריום” פון יוסף הערמאַן.

דער יידישער קונסט ווי דער מיטלאַלטערליכער קירכן־גייער. מיר האָבן נישט געהאַט, און נישט געטאָרט האָבן קיין דירעקטן בילדער־קולט, דורך עטישע סיבות, איז אויך די שעפערישקייט און די נאַטור־נאָענטקייט אונזערע, אויף דעם קונסט געביט, פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן הונדערטער יאָרן. און אויב אין די לעצטע הונדערט יאָר מיר האָבן זיך אַזוי פאַרביק פאַרמעריש אַ וועג אויפגע־בראָכן מיט אַ פלעיאַדע פון אַזוי פיל קינסטלער, מוז דער יידישער שעפעריש־אומבאַוווסטער קינסטלער און אויך דער יידישער באַוווסטער קולטור־מענטש זיך קלאָר ווערן אין זייער עטישער און עסטעטישער אויפגאַבע — וואָרום סוף כל סוף איז עס איין איינציקע אויפגאַבע: די ענטפּלעקטע פאַרביקע צוויט, וואָס טראָגט דעם זוימען אין זיך — — —

צו די יידישע קינסטלער אונזערע, וואָס אומבאַוווסט טראָגן זיי שוין די קינסטלערישע שליחות אין זיך, געהערן די צוויי אָנגעקומענע קינסטלער יוסף הערמאַן און יענקעל אַדלער; זיי קומען ביידע פון אונזערע היימען אין פוילן, און זיי זיינען אויך אָנגעזאַפּט מיט יידישער קינסטלער־טראַדיציע, נישט נאָר טראַגעדיע בלויז.

יוסף הערמאַן, דער יינגערער פון די צוויי, טראָגט אויפגעריסן אין זיך,





„דעם בעל שם'ס טאָכטער” פון יענקל אַדלער.

ווי אָפענע טובן רויטע פאַרבן, די בלוטיקע טעג אונזערע, זיי אייטערן פון אים אַרויס ווירטואָזיש אָבער אויך וויזיאָנער, אין טויזנטער ניואַנסן; זיינע ליי־ווענטן זיינען אויפפלאַקערונג פון אונזערע ברענענדיקע יסורים. אַלצדינג איז פאַר אים טעמע! און ווער ברויך אַ טעמע אין אונזערע טעג? און וואָס מ'זאָל נישט מאָלן, אפילו אַ שטיל־לעבן, איז עס נישט איינגעטונקט אין אונזער יידיש

בלוט — יוסף הערמאַן׳ס רויט איז נישט נאָר פֿון אַ יינגען עקספּרעסיאָניסט! און נאָלדע איז אים זיכער נישט פרעמד פונקט ווי דער יינגער ריבאַק איז אים נישט פרעמד; זיי גליען נאָך רויטער און טריפן נאָר בלוטיקער פון זיין פון יסורים צעפּלאָשעטן פענזל. יוסף הערמאַן׳ס בילדער איצט זיינען אַ גוטער צוזאָג פון אַ יידישן צוגעקומענעם נייעם קינסטלער, און נישט נאָר פאַר לאָנדאָן.

און דער איצטיקער יענקעל אַדלער, נאָך זיינע ערשטע זאַפטיקע יוגנטווערק, איבערווינדיק זיין פאַריזער בלומען־פּעריאָד, קומט צוריק אַ געלייטערטער צו זיינע אַלטע יידישע מאָטיוון, אויף אַ ריין־פאַרמערישן אופן; פון דעם אין פאַסעס צעריסענעם לייב פון אונזער פאָלק וויל ער מיט סטויאישער רואיקייט באַווייזן די וווּנדער פון מענטשלעכע יצירה, פון יידישער יצירה — דער בעל שם מיט זיינע מופתים האָט דאָך עס אונז געלערנט און געוויזן דעם וועג. און איז דען דער אַלטער מאָזאַאיק נישט אונזער יידישלעכער פאַרגייער פאַרן קוביזם? וועט אים אַדלער דערגיין דעם וועג זיינעם? און דאָ אין לאָנדאָן? די איינציקע יידישע בילדער אין אַדלערס לעצטע אַרבעט זיינען מער ווי בלויז קונסט־עקספּערימענטן.

די מסיבה פון יידישע קינסטלער אין לאָנדאָן האָט זיך פאַרגרעסערט, — געגנזייטיקע און אַטמאָספערישע ווירקונגען ווערן אוממיטלבאַר און אומבאַוווּסט אויפגענומען! — זי מוז זיך נאָר קלאָרער און באַוווּסטער ווערן אין איר ראָלע, וועט איר באַטייליגונג זיין אַ וואָגיקע און וויכטיקע אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער יידישער מאָלעריי. זיכער נישט די ראָלע וואָס די שטאָט פאַריז קאָן שפּילן איצט לאָנדאָן, דאָרטביים גרויסן צופלוס פון יידישע טאַלענטן פון שטעט און שטעטלעך, האָט זיך סוף כל סוף אָנגעקליבן אַן אייגענער יידישער קרייז מיט אייגנאַרטיקער אַטמאָספערע און עסטעטישקייט; אָבער זיכער איז איצט אויך, בשעת די מסיבה איז גרעסער געוואָרן און געלייטערטער, אַז דער דינער פאָדעם וואָס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן צו וועבן מיט דעם טאַלענטירטן סיימאָן פון דער משפחה סאָלאָמאָן, וועט איצט מיטן פאַרגרעסערט ווערן פון דער משפחה מאָלער אין אונזער יידישן קיבוץ, נישט מער אַדורכגעריסן ווערן און אַ פאַרביקער זיך ווייטער ציען, און זיך אַריינוועבן „אין דעם מאַטעריאַל, וואָס גייט אונטערן נאָמען ייד“.

א. נ. שטענצל.

---

## יידן און קונסט

י. ביטש.

די פראַגע צי ס׳איז דאָ אַ יידישע קונסט ווערט די לעצטע צייטן ברייט אַרומגערעדט אין די אינטעליגענטע יידישע קרייזן. הגם עס איז אָנגענומען, אַז עס זיינען פאַראַן ספּעציפישע יידישע אויסדרוקן אין די קונסט, דאָס ווייזן די טירטן סימאָן פון דער משפחה סאָלאָמאָן, וועט איצט מיטן פאַרגרעסערט ווערן לומינירטע שריפטן ווי הגדות, מגילות, אַלטע יידישע אָרנאַמענטן, וואָס סימבאָליזירן דאָס אַלטע העברעאישע. אויך דער גרויסער פאַרנעם פון יידן קינסטלער אין די וועלט־גאַלעריעס איז אַ בולט׳ער באַווייז, אַז עס שאַפט זיך אַ יידישע קונסט. דאָך פּאָזיטיוו איז שווער צו רעדן איבער דעם ענין. די פראַגע איז נאָך איינגעהילט אין טונקלהייט און געהערט צו די צוקונפט.

קונסט לעבט אין יעדן מענטש, סיי אין יחיד סיי אין רבים, נאָר נישט יע־



דער איז פון דער נאַטור באַשאָנקן מיט די מתנה דאָס אויסצודריקן אויף דעם לייוונט אָדער וואָרט. קומט דער קינסטלער וועלכער ציט זיין יניקה פון אונז אַלעמען און פאַרקערפּערט די אויסשטראַלונג פון דעם מענטשנס עמאָציעס אין אייגנאַרטיקע פאָרמען. בכן יעדער קינסטלער, וואָס שאַפט סיי אין וואָרט, מאָלעריי אָדער סקולפּטור קען נישט זיין אָפּגעריסן פון זיין פאָלק און סביבה. אמת, אַז קיין יחיד שאַפט נישט קיין נאַציאָנאַלן סטיל, ספּעציעל אין דער קונסט פון מאָלעריי, מעג ער זיין ווי גרויס און אָנגענומען. נאַציאָנאַלער סטיל ווערט אויסגעשמידט אין משך פון דורות, דורך די איינזאַמלונג פון אַלע געשאַפענע מוסטערן, אין גאַלעריעס, מוזייען וווּ קינסטלער זאָלן קענען שטודירן און ווערן באַגייסטערט פון דעם דורותדיקן שאַפן.

די יידישע פלאַסטיק וואָס האָט לעצטנס אויפגעבליט און זיך ענטוויקלט צוזאַמען מיט דעם קינסטלערישן וואָרט, שטרעבט דורך ליניע און פאַרב, דורך געמעל צו דערהויבן די יידישע קולטור, און אַרויסצוברענגען אין פלאַסטישע פאָרמען די שיינקייט פון דעם פאָלקס לעבן אינם טראַגיזם פון אונזער ווירקליכקייט. דערמיט איז די קונסט נישט קיין אָפּגעריסענע דערשיינונג אינם לעבן פונם פאָלק. עס איז גרייליך געוועזן אַטראָפירט אין דעם לאַנגען וואַנדער־וועג.

קונסט איז אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט גופא. ווען אונזערע זיידעס האָבן נאָך געלעבט אין היילן און דער איינציקער מקור פון חיונה איז געווען די יאַגד אויף חיות, איז קונסט באַנוצט געוואָרן זיך איינצופאַרשטיין פאַר אַ געמיינזאַמע אַקציע אין צייט פון געפאַר אָדער אין סעזאָן פון די יאַגד. עס איז למשל אין די היילן געפונען געוואָרן קונסט ווערק און פאַרביקע בילדער אין וועלכע חיות און גאַנצע שטיקער נאַטור זיינען אויסגעמאָלן פון יענער צייט־אַלטער. אויך די מאָדערנע קינסטלער הגם זייער שאַפן איז געטיילט אין פאַרשידענע ריכטונגען און טענדענצן, האָבן אַ סך געלערנט פון די אַלטע פעלקער, פונם אַלטן עגיפּטן, כינא, די נעגראָ סקולפּטור און דאָס אַרכאַאישע גריכנלאַנד, פון וועלכע אַלע קינסטלער ציען זייער אינספּיראַציע. גאַנץ מעגליך אַז אונזער גרויסער יעקב עפּשטיין איז באַאיינפלוסט פון די אַלטע קולטורן.

ערשט ביי די ענדע פונם אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך יידן קינסטלער אַ ריס געטון און שטורמיש אַריין מיט זייער קונסט אין דער וועלט, און מען קען שוין פאַרצייכנען אַ גרויסע צאָל פון נעמען וואָס פאַרנעמען אַ חשוב׳ן אָרט אין די גאַלעריעס פון דער וועלט, און דער יידיש האָלענדישער רעמבראַנד פונם נייַנצענטן יאָרהונדערט, יוסף איזראַעלס, איז אַ אָנגעזעענע פּערזענליכקייט אין דער קונסט, און לויט די איינטיילונג פון זיינע בילדער אין מאַסן טונקעלע שאָטנס און שטאַרקן העלן ליכט איז איזראַעלס מיט רעמבראַנד פאַרוואַנדעט דורך די פאָרמען פון זיין שאַפן.

מאָריץ גאָטליב, דער ערשטער יידישער קינסטלער וואָס האָט דערזען שיינקייט אין די אָרים געקליידעטע פּוילישע יידן, מיט זיין חוש האָט ער באַנומען, אַז דער טלית איז אויך אַ קונסט־מיטל צו שאַפן גרויסע זאַכן און נישט ווייניקער שיינע ליניען ווי די גריכישע און רוימישע טאגא. גאָטליב האָט גע־

שאַפן דאָס קלאַסישע בילד „יום כפור“, די אַלטע שול אין קראָקע, אָבער דאָס איז נאָר אַ טייל פון דעם גרויסן אוצר פון זיין שאַפן עכט יידישע מאָטיוון וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָל אין אונזער לעבן. ער האָט נאָך געשאַפן אַ סך בילדער און עטיודן, אָבער זיין בילד שיילאָק און יעזיקא ווערט באַטראַכט פאַר אַ גרויס מייסטערווערק פון די ראָמאַנטישע פעריאָדע אין דער מאָלעריי.

שמואל הירשענבערג, איינער פון די פּאָפּולערסטע מאָלער אין פּוילן, געווען פּראָפעסאָר אין די בצלאל שולע, האָט דורך געמעל אין זיינע ווערק פאַראייביקט שטיקער יידיש לעבן. זיינע בילדער „די ישיבה“, „אוריאל אַקאָסטאַ“, „שפּינאָזאַ“, „שבת רו“ און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. אויף הירשענבערג׳ס שאַפן פילט זיך דער חותם פון רעאַליזם, אָבער זיין רעאַליזם האָט עפּעס מער, עס כאַראַקטעריזירט דאָס רוחניות. הגם הירשענבערג איז אויך געווען אַ סביבה מאָלער, אָדער זשאַנר מאָלער, איז ער דורך זיין קינסטלערישע קראַפט געוואָרן סימבאָליש, און איבער זיינע ווערק שוועבט דער הויך פון ראָמאַנטיציזם.

לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, אַ לאָנדאָנער בן־עיר, האָט אַממייינסטן געמאָלן אויף יידישע מאָטיוון, ווי יידישע מנהגים, שבת, די יידישע שטוב, שמע ישראל און אַנדערע ווערק פון גרויסן באַטייט.

עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ אויסצורעכענען דעם צעטל פון יידישע קינסטלער פונם עלטערן דור ווי אַנטאָקאָלסקי, לעוויטאַן, פּאַסטערנאַק, מינקאָווסקי און אַנדערע, אָבער אַ פּאָר ווערטער מוז געזאָגט ווערן וועגן דעם ערשט נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר העינריק גליצענשטיין, דער מייסטער אין אויסקנעטן מאָדעלן, וואָס זיינען געוואָרן וועלט באַרימט. גליצענשטיינס שאַפונגס פעלד איז קאָלאָסאַל, זיינע ווערק שפּיגלען אָפּ דאָס סימבאָלישע, דאָס העראָאישע, זיין בעסט באַקאַנט קונסט ווערק, משיח זיצט אין קייטן און וואַרט אויף די גאולה, וועגן דעם ווערק ווערט דערציילט אַז נאָך אַלס יונגערמאַן פלעגט ער יום כפור נאָך נעילה, ווען די וואַקסענע ליכט האָבן זיך שוין געלאָשן, און די עדה יידן האָבן אָנגעהויבן דעם וואָכעדיקן והוא רחום, צוזאַמענקלויבן דאָס טריפּעכץ פון די וואַקסענע ליכט און פון דעם אויסקנעטן דעם געבונדענעם משיח. עס איז בלי ספק, אַז די משיח אידעאָלאָגיע פאַרנעמט ביי אונז אַ הויכן ווערט אין דעם לעבן פונם יידישן פאָלק; עס זעט אויס אַז גליצענשטיין האָט באַנומען די שווערע לאַגע פון די יידישע עדה, און זייערע אונבאַגרעניצטע האָפנונגען פון וואַרטן אויף אַ דערלייזער. ער האָט אויך געשאַפן קין און הבל, בר כוכבא און אַ סך אַנדערע זאַכן וואָס געפינען זיך אין פילע מוזייען. אין דער צייט וואָס גליצענשטיין איז געווען ביי אונז אין לאָנדאָן האָט ער געשאַפן אַ סעריע פון ספר שמואל אין קופּערשטיך.

דער צושטייער פון די נייע מאָדערנע יידישע קינסטלער איז זייער באַדייטענד, מען קען זאָגן אַז דער קולטור צווייג איז דער וויכטיקסטער פאַר די לעצטע צייטן, נעמענדיק אין אַכט אַזעלכע קינסטלער ווי קאַמיל פּיסאַראָ, מאָדיליאַ־



ני, שאַגאַל, סוטין, פּאַסקין, קיסלינג און פילע אַנדערע נעמען פון גרויסן באַטייט. מאָדיליאַני׳ס שאַפן ווערט כאַראַקטעריזירט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע שטאַרקע יידישע וואָרט אויף דער אַרענא פון די מאָדערנע קונסט.

מאַרק שאַגאַל, איינער פון די אָנגעזעענסטע פון די מאָדערנע יידישע קינסטלער, וואָס האָט געשאַפן אַ סך בילדער וועלכע געפינען זיך כמעט אין אַלע מוזייען און פּריוואַט קאָלעקציעס פון דער וועלט, האָט אויך אילוסטרירט ביכער פון י. ל. פּרץ, שלום עליכם, נסתר, האָפשטיין. שאַגאַל האָט אַ נטיה צו שילדערן דאָס נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע. מיטן טלית און תפילין און אַ קליין צוויבער־פידעלע שפּרייזט ער איבער די נעבעכדיקע איינגעבויגענע יידישע שטובן, צי מען איז פריילעך צי אומעטיק, דאָס פידעלע קומט צונוץ.

עס איז כמעט אונמעגליך צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון יעדן יידישן קינסטלער באַזונדער. ערשטנס זיינען זייערע שאַפונגען צושפּרייט איבער דער גאַרער וועלט. עס פעלן אויך קונסט זשורנאַלן וואָס זאָלן באַלייכטן זייערע ריכטונגען אין זייער שאַפן. מיר קענען אָבער מיט זיכערקייט זאָגן אַז זיי פאַרנעמען אַ חשובן אָרט נישט בלויז אין דער פראַנצויזישער מאָלעריי נאָר אין גאַנץ אייראָפּע.

אגב איז וויכטיק צו באַטאָנען אַז דער קינסטלער יצחק ליכטענשטיין, וועלכער האָט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן אַ לענגערע צייט, האָט געהאַט אויסשטעלונגען אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער און לידז. ער האָט געמאָלן גאַנצע לאָנדאָנער געגענטן אין צושטאַנד פון בויען, די דאָקס ביי די ברעגעס פון דער טעמזע. ליכטענשטיינס בילדער זיינען פאַרשידענאַרטיק, זיי זיינען געבוירן געוואָרן אונטער פאַרשידענע הימלען. זיין קונסט דערשיינט פאַר אונז נישט בלויז פון יענע אָריענטאַלישע אידיליעס, זי דערשיינט אין אַ שטענדיקן וועקסלען און פאַרשידענאַרטיק.

עס וואָלט זיכער געפעלט עפּעס אין דעם גרויסן צעטל און דעם בייטראַג פון יידן קינסטלער ווען מען זאָל אויסלאָזן די וואָס שאַפן ביי אונז אין לאָנדאָן ווי דעם אַקאַדעמיקער פּראָפעסאָר וויליאַם ראטענשטיין, סאלאמאן דזש. סאלאָמאָן, מאַרק גערטלער, מענינסקי, קראַמער, אַלפרעד וואָלמאַרק, דאָוויד באָמבערג. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם לעצטן דעם רעוואָלוציאָנערסטן אין דער קונסט. באָמבערגס ריכטונג געהערט צו די רעאַליסטישע און דאָך ווען מען פאַרטראַכט זיך אין זיינע בילדער קען מען באַמערקן אַן אימפּרעסיאָניסטישע בייגונג. עס זעט אויס ווי ער וואָלט פירן אַ קאָנקורענץ מיט כביכול, ווייל ער וויל אָפּשאַפן אַלע ענליכקייטן צו אַלע אָנגענומענע פאָרמען.

מען קען אויך נישט אויסלאָזן פונם חשבון דעם קינסטלער סימאָן סאָלאָמאָנס, דער איינציקער ייד צווישן די ענגלישע פּרע־ראַפאַעליטן. די ריכטונג פון דער גרופּע איז געווען די לאָזונג צוריק צו דער נאַטור ביז די קלענסטע פּרטים, און טראָץ דעם וואָס סימאָן סאָלאָמאָן ווערט גערעכנט אַלס איינער פון די גרופּע, אָבער דער תוך אין זיינע בילדער זעען אויס צו זיין געגן זייער רעאַליסטישע מעטאָדע, זיינע בילדער געפינען זיך אין אַ סך עפּנטליכע גאַלעריעס און קאָלעקציעס.

גאָר לעצטנס אין סאַמע ברען פון דער בלוטיקסטער מלחמה אין דער מענטשליכער געשיכטע האָבן מיר געהאַט אַן אויסשטעלונג פון דעם יונגען יידישן קינסטלער אַלוואַ. זיין בילד דאָס מצוה טענצל איז אַ קונסט ווערק אין וועלכן ער האָט דורך געמעל פאַראייביקט אַ קאַפּיטל יידישע טראַדיציע, וואָס איז אונז געוועזן אַזוי נאָנט דורך די גאַנצע צייט פונם פאָלקס לעבן. אויך די מאָלער הערמאַן און אַדלער האָבן געהאַט לעצטנס אויסשטעלונגען.

אין דעם אַרטיקל ווערט נאָר אָנגעגעבן די ראָל וואָס יידישע קינסטלער פאַרנעמען אין דער קונסט. עס איז קיין ספק נישט אַז יידן צייכענען זיך אויס אין די דריי הויפּט ריכטונגען, די אימפּרעסיאָניסטישע, עקספּרעסיאָניסטישע, קוביסטישע. עס מערקט זיך אָבער ביי אַ סך קינסטלער אַז זיי פאַרקערפּערן אין זיך די אַלע ריכטונגען אין זייער שאַפן, און די פראַגע צי איז דאָ אַ יידישע קונסט, דענק איך אַז דער וועג פאַר יידישע קונסט פירט צו די אָריענטאַלישע.

---

משה עובד.

## די געטליכע גוואַרדיע

געווידמעט חנה קאָוואַלסקאַ פון פּאַריז, קעמפערין, שרייבערין און מאָלערין, איינע פון די געטליכע גוואַרדיע, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן על קידוש השם דורך די נאַציס.

עס פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:
וואָס איז דער סוד פון קיום ישראל?

ווי אַזוי קען אַ פאָלק אָן אַן אייגענער היימלאַנד, מפוזר ומפורד, פאַר־מיאוסט און פאַרהאַסט, מיט בלבולים באַוואָרפן, מיט גאַל באַשפּיגן, און דערצו נאָך געלייטזעליקט מיט כראָנישע שוואַכקייטן; טאַ ווי אַזוי, ווי אַזוי קען עס זיך אויפהאַלטן צווישן פרעמדע פעלקער און נישט ווערן פאַרניכטעט? פאַרוואָס ווערט עס נישט צוטרעטן פון די פיס פון די ווילדע חיות? פאַרוואָס ווערט עס נישט צומאָלן פון די רעדער פון וואַנדערונג?

אויף די אַלע אַלטע קשיות ענטפערט מען מיט אַלטע תירוצים. אין דער ווירקליכקייט בלייבן די קשיות נישט געענטפערט, ודו״ק.

עס איז אויך פאַרטיפט אין דעם נצח־ישראל פּראָבלעם דער גאונישער ליכטיקער זונען־קאָפּ.

איינגעהילט אין זיין בלאָען טלית שכולו תכלת אונטערן שוואַרצן שטריימל איז די זון עוסק יעדן פאַרטאָג אין בורא־עולם׳ס ספר־החיים. און יעדעס מאָל ווען דער נצח־ישראל פּראָבלעם שיינט אויף, ברעכט זיך די זון דעם מוח, בלעטערט מיט חריפות די הימלען, זוכט און נישטערט אפילו אין שמות פון די וואָלקנס, וויל געפינען אַ קלאָרע תשובה אויף דער האַרבער שאלה, האַלט זיך די לאַנג־ווייס געקרייזלטע באָרד און פרעגט:

„אין אַלעם, אין אַלעם איז דאָך פאַראַנען אַ סדר ומשטר, יעדער טייך און ים האָט זיין נעסט, יעדער שטערן אין פּלאַנעט האָט זיין היים, פאַר יעדן באַ־



שעפעניש זיינען דאָ חוקים און דינים און וואָס היטן אָפּ דעם קיום פון דעם באַשעפעניש, און דאָ עפּעס דרייט זיך אַרום פאַר מיינע אויגן אַן אויסטערלישע אומה! אַ צובראָכענער, צופאַלענער שטערן, און לעשט זיך קיינמאָל נישט אויס. פונקן אין גסיסה, אָבער עס ווערט קיינמאָל נישט פון זיי אַש. נעכטן זיינען זייערע אויגנדעקלעך געווען שאַרבנס, היינט לייכט פון זיי אַרויס דער זיוו השכינה. איך קען דאָס נישט פאַרשטיין, איך קען דאָס נישט תופס זיין״.

און די האַלבע לבנה שטייענדיק אויף שפּיץ־פינגער אויף דעם קאָפּ פון אַ שטערן איז אין גאַנצן ממש אַ פראַגע־צייכן:

„ווער זיינען דאָס די ברואים? די גלי־ווערעם? דורך דעם טיפסטן חושך זע איך זיי, ווי גאָלדענע רינגעלעך רינגלען זיי אַרום דאָס ערד־לייב, יבשות, ימים, באַרג און טאָל, זיי גאַרטלען אַרום דעם כסא הכבוד און באַקרוינען דעם שטערן פון אויבערשטן.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ מין גאָלדענע קייט, וואָס קען אַרומקייטלען דעם אין־סוף?״

אָט אַזוי פרעגט די לבנה מיט אַן אָפן מויל פון ערשטוינונג שטייענדיק באַלאַנסירט אויף שפּיץ־פינגער אויף דעם קאָפּ פון אַ שטערן.

די מענטשן־קינדער זיי זעען נישט פון אַזוי הויך און אַזוי טיף. זיי זעען בערגער אַש, וואָס לעבן איבער פעלזן און זייער באַוווּנדערונג איז נאָך שטאַר־קער ווי פון זון און לבנה.

מה עשה הכנסת ישראל, וואָס האָט דער יידישער פאָלקלאָר געטון צו לייזן דאָס רעטעניש? עס האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע, באשר בכן, דאָס יידן האָבן אייביק ל״ו צדיקים און אין זייער זכות עקזיסטירן מיר. מיר זינדיקע ווייסן אָבער דאָס עס איז בלויז אַ פּראַכטפולע טרייסטענדע לעגענדע. מיר ווייסן דאָס עס איז נישט מעגליך אַז בלויז זעקס און דרייסיק צדיקים זאָלן קענען מכפּר זיין אונזערע גרויסע זינד, אין זייער זכות קען אַ סדום־שטאָט ווערן געראַטעוועט, אָבער נישט אַ סדום־וועלט.

דער איינציקער תירוץ וואָס לייגט זיך אויף דעם שכל און באַרואיקט דאָס האַרץ איז דער:

נישט ל״ו האָבן מיר, נאָר ל״ווי״י: זעקס און דרייסיק טויזנט צדיקים גמורים, זיי זיינען די זעקס און דרייסיק טויזנט יסוד שטיינער פון בנין האומה.

ירושלים׳ס און בתי המקדש ווערן חרוב, אָבער דער בנין האומה בלייבט אייביק.

ווער זיינען די זעקס און דרייסיק טויזנט צדיקים? און אין וואָס באַשטייט זייער עבודה?

זיי זיינען די קינדער פון אונזער אור־אַלטן שטאַם, איינגעוואָרצלט אין די אידעען און אין די אידעאַלן פון יהדות. זיי שטרעקן אויס זייערע אונטערערדי־שע וואָרצלען צו די טייכן פון אַלע פעלקער, אָנצוטרינקען דעם שטאַם מיט תורה און מיט חכמה פון אַלע פעלקער. זיי לייטערן די וועלטס זאַפטן און ברענגען זיי אַריין אין דעם בוים פון יהדות.

זיי זייַנען אויך די צווייגן פון דעם בוים, וואָס צושפרייטן זיך ווי דער גאָט פון ישראל איבער אַלע וועלט טיילן, און אַלע מענטשן־קינדער רוען אונטער זייער שאָטן און זייַנען נהנה פון זייערע פּרות. די וואָס באַלאַנגען צו דער געט־ליכער גוואַרדיע, זיי זייַנען די ברייטהאַרציקע, הויכנשמהדיקע און לייבן־מוטי־קע, זיי האָבן ליב גאָט און רופן אים „טאַטעשי" און גאָט האָט זיי ליב און רופט זיי „שוואַלבעלעך מייַנע".

---

א. ג. בערמאַן.

## מייַנע בילדער און פּרינץ האַנאַלולו

(איצטער פאַרקויף איך העפטלעך פאַרן פּ.פּ.יי.ל.)

אויף איינער פון מייַנע רייזן נאָך פּאַריז נעם איך מיט מייַן לאַנדאַנער פריינט. אין פּאַריז שטעלט ער מיר פאָר דעם באַקאַנטן ייִדישן אַרטיסט מ. וואָל־פאַרט. איך און וואָלפאַרט בלייבן גוטע פריינט דורך פיל יאָרן. שפּעטער פאַר־בלייב איך אין פאַריז. עס גייט אונז בייִדן זייער גוט, ער מיט זייַן פּענזל און אויל־פאַרבן שאַפט בילדער וועלכע דערוועקן פיל וויזיאָנען און טראָגן די לייכ־טעסטע פאַנטאַזיעס, איך מיט פיל אַרבעטער און גרויסע מאַשינען בוי אייזער־נע בריקן וועלכע טראָגן די שווערסטע וואַגאָנען. וואָלפאַרט ווייזט מיר זייַן גראַנד אַטעליע און איך ווייז אים מייַן נייעם אַפּאַרטאַמאָן (וווינונג) מיט אירע וואָכנדיקע און יום־טובֿדיקע צימערן און מייַן מעבל. ער איז מיט אַלעם צו־פרידן, אָבער פון מייַן בילדער־זאַמלונג הערט ער נישט אויף צו לאַכן, ער רופט מיך האָטענטאָט, באַרבאַר, א.אַז.וו. ער שרייט: זעסט דו נישט ווי אומ־נאַטירליך אַלעס אויף דייַנע בילדער איז, ערגער פון אַלעם זייַנען זייערע גרעלע אויל־פאַרבן. ער דערמאָנט מיך: „זיי האָבן אויגן אָבער זיי זעען נישט".

גייענדיק אַמאָל ביי דער פאַריזער אָפּערא, זע איך דעם באַקאַנטן לאַנדאָ־נער נעגער „פּרינץ האַנאַלולו". אין ענגליש פרעג איך אים אויב ער האָט גאַנץ פאַרלאָזן אונזער פּעטיקאָט ליין און מאַרבל אַרטש? ניין, ניין, איך בין נאָר אין פאַריז דורך די אָטאָיע פערד־רייסינג סעזאָן. וואָלפאַרט וויל וויסן וואָס איך פרעג פּ. ה. און וואָס זאָגט די אויפשריפט אויף זייַן רוקן (אייוו גאָט אַ אָס) און וואָס באַדייטן די רויטע, ווייסע און בלויע שטרויס־פעדערן וואָס פּרינץ האַנאַ־לולו טראָגט אויף זייַן קאָפּ? איך ענטפער אים אַז דאָס אַלעס איז נאָר רעקלאַמע אים נאָך מער באַקאַנט צו מאַכן אַלס דער גרויסער „טיפּסטער". יענע צופע־ליקע באַגעגעניש האָט מיר פאַרשאַפט אַ נייעם צונאָמען. אויף פילע פון מייַנע שפּעטערע בילדער איינקויפן שרייט וואָלפאַרט און רופט מיך פּרינץ האַנאַלולו. אַמאָל האָט ער טאַקע מייַן פאַרטרעט געמאָלן מיט דריי לאַנגע שטרויס־פעדערן און אַלע צירונגען כדי מיך פאַרצושטעלן אַלס פּרינץ האַנאַלולו. (ליבע יאַנג־ליידיס, לויפט פון אַלע אַזעלכע אַרטיסטן, ענטפערט זיי ניט צומאָל אויפן טע־לעפאָן).

טראָץ מייַן בילדער־זאַמלונג און מייַן פעלערהאַפטיקע קונסט מבינות



בלייבן מיר בייִדע יאָרן לאַנג גוטע חברים. מיר האָבן ניין מאָס רייִד. אָפט רעדן מיר ווי ווייבער, אָבער זייער זעלטן וועגן זיי (דאָס איז ווייל מיר בייִדע האָבן זייער שיינע, עלעגאַנטע און קאָסטבאַרע פרויען). מיר באַזוכן קאַפעס, קאַבאַרעטן און אַנדערע פאַרגעניגענס לאָקאַלן, בייטאָג, ביינאַכט און אַמאָל ביז גאַנץ פרימאָרגנס. מיר טרינקען וויין און מיר הערן מוזיק און געזאַנג. זען ניט ווען דערמאָנען מיר זיך אַז מ'טאָר נישט ווערן באַגייסטערט פון רויטע וויינען, מיר האָבן חרטה און זאָפּאַרט באַשטעלן מיר ווייסן וויין. אומגעפער אַזוי גייען אַוועק אונזערע בעסטע יאָרן. איך האָב וואָלפאַרטן שוין לאַנג נישט געזען. זינט די מלחמה האָב איך ליידער אויך גאָרנישט געהערט פון אים. איך האָף אַז ער לעבט נאָך און דאָס מיר בייִדע וועלן נאָך דערלעבן ווידער צו פאַר־ברענגען ווייניקסטנס עפּעס פון אַזעלכע דאַמאָלטדיקע גליקלעכע צייטן — אַך, איז דאָס אַ וועלט איצט, טאַקע עפּעס נאָר פאַר האָטענטאָטן

---

א. נ. שטענצל.

## א ר ב א ז ן

(געווידמעט דעם אַריינמאַרש אין אַרעל)

און וועלן מיר הייַ־יאָר זומער נאָך אַלץ
אונזערע אַרבאָזן פעלדער נישט האָבן,
אַזוי פיל קעפּ פון שונאַ, אָפּגעהאַקטע,
וועלן זיך וואַלגערן נישט באַגראָבן — —

די אַרבאָזן פון אונזערע פעלדער,
טויזנטער מאָל טויזנטער זיי צו ציילן!
אַזוי די אָפּגעריסענע קעפּ אַצינד
אויף וויאָרשטן טויזנטער און אויף מיילן.

אַ פרישער דורכגעשניטענער אַרבאָז,
דאָרשטיקע ליפּן אין זאַפט אין רויטן — —
פאַרכלינעטער איז בלוטיקע נקמה
פאַר אַזוי פיל יסורים און בויטן — — —

נישט אונזערע ליפּן — אונזערע הערצער
פון גרימיקן צאָרן פאַרברענט זיי זעגען!
ביז צוריק מיר האָבן אונזערע פעלדער,
נישט אויפהערן זיי וועלן צו ברענען.

אַ גייענדיקן טאָג די זון איבער אונז
אַ זאַפטיקער אַרבאָז אויפגעשניטן!
מיר טראָגן זי אויף אונזערע שווערטן,
נאָך אַרעל אַצינד אַרייַנגעריטן.

## אוקריינע

ווי הייליק וועט עס ערשט זיין אַצינד
פון אונזער ערד דאָס שטיקעלע ברויט,
נישט נאָר צו שניידען דיינע זאַנגען —
מיר גייען מיט פרייד אויף לעבן און טויט!

פון אַלע געווערן כלי־זיינ׳ס,
אויף אַלע ראָגעס אָוועקגעשטעלט,
פון אונזער בלוט אַצינד צו גיסן
דעם ליכטיקן שערף פאַר דער גאַנצער וועלט.

ווי הייליק ווערסט דו ערשט זיין אַצינד,
אוקריינע, מוטערל אונזער ערד,
אַז איבער דיין לעבעדיקן לייב
אַ צעבלאַנקטער אויסגעשליפן ער ווערט.

דעם שערפ אין אונזערע פויסטן הענט,
מיר האַלטן איבער אונזערע קעפ
צו שניידן זיי — אָדער די זאַנגען,
אויפגעגאַנגען פריידיק אין אונזער סטעפ!

ווי הייליק וועט עס ערשט זיין אַצינד,
אין בין־השמשות־שעה אונזער ליד,
נישט אויף הימל דער לבנה־שערפ,
אין הערצער איינגעשליפן און געשמידט.

— — — — — — — — — — — —

צווישן אונזערע פולע פעלדער,
דער שטילער דער גייענדיקער ווינט,
צעוויגט אין אויפגייאיקן געמיט
מיט אונזערע נצחונות פון אַצינד.

## שניט-צייט 1943
(אַ גערילע־באַלאַדע)

נישט סנאָפּעס שטייען אויף די פעלדער,
אַ גערילע ס׳איז יעטווידער סנאָפּ
די אַראָפּהענגענדיקע זאַנגען —
וואָנסעס פון אַן אוקריינישן כלאָפּ.

ס׳גענוגט נישט אפנים פעטע ערד בלויז,
אַז ברויט ס׳זאָל זיין פאַר דער גאַנצער וועלט,
איז אויף פעלדער אוקריינישע איצט
זיך אַליין אַ סנאָפּ אָוועקגעשטעלט.



און דער פּאָוורוס וואָס נעמט אים אַרום —
אַ פויער זיך צולאָזן אין שטאָט!
מיט מלויצעס מ׳וועט דרעשן אַזוינעם
און נישט אַרויסצוקריגן זיין סוד!!

ווען אַ שטילע ס׳וועט צופאַלן די נאַכט
און דער שערפ אויף הימל אויפגעהענגט,
דערטאַפּן ער וועט זיך צו יעדער טיר,
אויסצושעפּטשן דעם סוד וואָס געברענגט:

„ניין, דאָס ברויט פון אונזערע פעלדער
נישט אויפעסן ס׳וועט דער שונא מער,
אין די אויפגעגאַנגענע תבואות
ס׳טשאַטעוועט דער טויט מיט זיין געווער.

„ווי זי בלאַנקט דאָס זיין שאַרפע קאָסע,
פּונקט ווי זיינע שטשירנדיקע ציין,
פאַרביסן זיי זיינען מיט נקמה
ווי דער טויט נאָר אַליינקאָן עס זיין!

„נישט זאַנגען וועט מען שניידן היי־יאָר —
אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ ס׳איז אונזער שניט!
געצייטיקט ר׳איז און אויפגעגאַנגען
פון אונזערע לעבענס דער צעשיט —

— — — — — — — — — — — —

נישט סנאָפּעס שטייען אויף די פעלדער,
גערילעס וואָס שטייען אויף דער וואַך,
און אין שייער פון שונא אַריינגעפירט
אויפצופלאַמען מיט זיין לעצטן דאַך.

## א שניט-ליד היי-יאר

„הזורעים בדמעה ברינה יקצורו"

אונזערע פעלדער ברענענדיקע סנאָפּעס
צו באַלייכטן די פינסטערניש פון וועלט;
ביי אונזער פליסנדיקן בלוט אַצינד
יעטווידעס דאַרף אַ צענומען געצעלט.

העי אוכניעם! מיר ציען ווידער דורך דער וועלט,
ווי יענע וואָלגאַ שיפער פון אַמאָל!
אונזערע פעלדער ברענענדיקע סנאָפּעס
לייכטן אונז אַנטקייגן פון יעדן טאָל — —

העי אוכניעם! מיט אַלע כוחות נאָכאַמאָל
אויף העכסטן באַרג די פאָן אַוועקגעשטעלט!

מיט טויזנט פלאַמען אַ צעפלאַמטע
צו באַליכטן די פינסטערניש פון וועלט.

און נישט מער צעבראָכן צענומען געצעלט
שלעפנדיק מיט זיך ביי ברעגעס פון אַמאָל —
אונזער גלויבן, זידנדיק שוימענדיק,
אַ ציענדיקער טייך פון צעפלאַסענעם שטאָל!

העי אוכניעם! מיט פרישע כוחות נאָכאַמאָל
געקאָוועטע שטאַבעס זיך צונויפגעשטעלט — —
אונזערע פעלדער — סנאַפּעס־פונקן אַצינד,
שטאַלנדיק שמידנדיק די נייע וועלט — — —

---

## „פריינט פון יידיש לשון"

עלטערן, מאַמעס און טאַטעס, וואָס ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן קענען יידיש רעדן און שרייבן, זינגען אַ יידיש פאָלקס־ליד, זאָלן עס מעלדן שבת, ביים יידיש־ליטעראַרישן נאָכמיטאָג. מיר ווילן, מיט דער הילף פון „פריינט פון יידיש לשון", איינאָרדנען אין וואָכן־טעג אַ יידיש־שעה פאַר קינדער און האַלב־דערוואַקסענע.

דאָס העפט פון הייַנטיקן חודש, אַ פאַרגרעסערט און מיט 6 קלישעס פון בילדער, אַ דאַנק די מיטבאַטייליגונג פון „פריינט פון יידיש לשון", בלייבט ביים זעלבן פרייז ווי תמיד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דעם 21־טן אויגוסט, וועט דער פּאָעט יעקב שמואל טויבש פאַרלייענען זיינע רעליגיעזע לידער. שלמה אויערבאַך וועט האַלטן די איינלייטונגס רעדע.

שבת, דעם 28־טן, וועט דער שרייבער און פובליציסט דר. י. ח. קלינגער האַלטן אַ פאַרטראַג: לעגענדע און ווירקליכקייט אין דער מאָ־דערנער ליטעראַטור.

שבת, דעם 4־טן סעפטעמבער, וועט א. מ. אַרזשיצער פאַרלייענען פון זיין נייעם בוך „פּראָלעטאַרישע יוגנט". מ'וועט רעדן איבער פּראָלע־טאַרישע ליטעראַטור.

שבת, דעם 11־טן, וועט מען פאַרלייענען די שאַפונגען פון אונזערע אוקראַינישע שרייבער און דיכטער. עס באַטייליקן זיך ראַכמאַן, ניסענ־בוים, אייזיק גאָלדבערג און די שוישפילערין דאָראַ דימאַנט.

**א. נ. שטענצל.**

---

פאַרלאַג י. נאַראַדיצקי, 131־129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.
6 פּענס

~~44~~
43

לאָנדאָן־ווייטשעפּל 15־טן סעפּטעמבער, 1943

# יידיש און אסימילאציע

## יידיש און אסימילאציע

1.

אסימילאַציע איז אַ נאַטירליכע דערשיינונג אין לעבן פון פעלקער; עס איז אַ פּראָצעס וואָס געשעט אומאויפהערליך און די כסדר זיך פאַרענדערנ־דיקע און זיך שאַפנדיקע נאַטור, און דאָס לעבן פון אַ פאָלק ווי פון מענטש איז נישט קיין יוצא מן הכלל! און נישט נאָר אַסימילירט תמיד דער שטאַר־קער דעם שוואַכן, אָפט „סימילירט" זיך דער שוואַכער גאָר; ער פאַרוועק־סעלט נאָר די קאָליר פון זיין אויסערלעכע הויט בלויז, כדי דעם הוילן נפש זיינעם אָפּצוראַטעווען. דער וואָרעם נעמט אָן די קאָליר פון אַ בוים, פון אַ בלאַט, נישט נאָר ווייל מעלה־גירהדיק ווערט ער אַליין פאַרדרייעט אין די קאָרע פונם בוים, אינם גרינס פונם בלאַט, נאָר כדי זיין שוואַך לעבן צו באַ־שיצן פונם לויערנדיקן פויגל, וואָס וויל אים אויפעסן, פאַרשטעלט ער זיך, פאַרבט ער זיין אויסערלעכע הויט, מ'זאָל אים נישט דערקענען.

און נישט נאָר איז עס אַן אויסגעפּרווט גוט מיטל פאַרן שוואַכן בלויז, זיך צו באַשיצן און צו באַהיטן, נאָר דער שטאַרקער אפילו באַנוצט עס אין זיין לעבנס־קאַמף — דער טיגער נעמט די פאַרב פון מדבר אָן, כדי די שוואַ־כערע פון אים זאָלן נישט זען זיין אָנקומען! און די קריכנדיקע שלאַנג אויפן בויך דערטשאַוועט אזוי אַרום איר קרבן; ס'איז די קריכנדיקע שוואַכקייט וואָס דערגרייכט איר גיפטיקע ביטערקייט.

און שטייען נישט גאַנצע אַרמייען אַצינד (סיי יענע אין דער אָפנסיווע און סיי די אין דער דעפנסיווע) אונטער קאַמופלאַזש?

און אזוי איז אונזער לאַגע געוועזן גאַנצע דורות, הונדערטער יאָרן אָן אויפהער! און ברויך מען נאָך אַן איינפאַכערן און נאַטירלעכערן טעם פאַרן וועלן אונז צעטרעטן? . . .

אָבער, אַז מיר לעבן, אַז מיר עקזיסטירן, אַז סוף־כל־סוף איז עס אונז געלונגען אונזער נפש אָפּצוראַטעווען פון די אַלע שטאַרקערע פון אונז, איז עס דאָך דער בעסטער סימן, אַז נישט כדי אַסימילירט צו ווערן האָבן מיר אַרומ־געראָיעט איבערן קיילעך ערד, נישט כדי מעלה־גירהדיק פאַרדרייעט צו ווערן — מיר האָבן נאָר אויסערלעך פאַרענדערט אונזער הויט כדי צו באַהיטן אונזער אינערלעכן נפש!